STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02861

AMERIKE

Shloime Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

COPYRIGHT, 1940, BY
SHLOIME SCHWARTZ, CHICAGO, ILLINOIS
PRINTED IN U. S. A.

SHLOIME SCHWARTZ: "AMERIKE" ✵ ✵ ✵ ✵
"AMERICA" ✵ ✵ M. CESHINSKY, PUBLISHER
CHICAGO, ILLINOIS, ✵ ✵ NINETEEN FORTY

שלמה שוואַרץ



פאַרלאַג · מ · צעשינסקי · שיקאַגאָ

צייכענונגען פון טאדרעס געלער

ל. מ. שטיין פארלאג
שיקאגא

2720 W. DIVISION ST.
CHICAGO - ILLINOIS

—"*Sweet Land of Liberty*
of Thee I Sing" - - -



א מ ע ר י ק ע

א

אַמעריקע !
מוטער פון אַלץ און פון אַלעמען.
געמיש פון בלוט אין דיין יעדן שטערן.
קופּער,
גאָלד,
בלענדיקער פּיבער —

אַמעריקע !
מוטער פון אַלץ און פון אַלעמען.
שטאָט און פעלד,
גראָז און ציגל,
בוים און מויער,
מיין ראַנדיקער שפּיגל.

מיין וויגל פעסט אַף דיינע שטיגן.
און דו אין מיר
און איך אין דיר
מיט זון און ווינט — אַ פרייערי ניגן.

ב

דער מיזראַך־ווינט האָט מיר געבראַכט צו דיר.
דער מײַרעוו־ווינט האָט אים געבראַכט צו דיר.
דער צאָפן־ווינט האָט זיי געבראַכט צו דיר,
דער דאָרעם־ווינט האָט איר געבראַכט צו דיר.

און מ י ר האָבן געבויט:

איך האָב דיר געבויט,
ער האָט דיר געבויט,
זיי האָבן דיר געבויט,
זי האָט דיר געבויט.

און מיר האָבן אין דיר פאַרזייט אַ גאָלדענעם זשאַרגאָן.

שטויב פון פעלד צווישן אונדזערע נעגל,
שטויב פון שטאָט אין אונדזערע אויגן.
דײַן פרײַער ווינט אין אונדזערע אויערן,
דײַן אָטעם זינגט אין אונדז.

ג

מיר זיינען געקומען מאַכנעסוויז,
אַף שיפֿן,
אַף באַנען,
אַף שטורעמס,
אַף ווינטן.

מיר זיינען געקומען,
דורך פֿייער,
דורך רעגן,
דורך טומאַנען,
דורך בערג.

מיר זיינען געקומען,
מיט פּעקלעך,
מיט ברעקלעך,
מיט לייטערס.

מיר האָבן דיר געבויט אַזש צום הימל.

ד

מיין ברודער משה,
האָט מיטגעבראַכט זיינע טפילין.
ראובן, זיין ניי־מאַשין.
יצחק האָט מיטגעבראַכט זיינע בראָכעס,
יעקב, דעם לייטער צו דיינע שטערן.

מיר האָבן דיר באַקליידט,
מיר האָבן דיר באַשוכט,
מיר האָבן דיר געבענטשט.

ה

דזשאַנסאָן איז געפאָרן קיין טעקסעס,
יוסטאָן, לי, דזשאָונס, אָדלערס אין ווילדן וועסט.
וואַשינגטאָן האָט מיר געגעבן די פאָן,
לינקאָלן האָט מיר געגעבן — ווידערגעבורט.

איך האָב דיר געגעבן מיין זיידנס שאַרבן.

דער אינדיאַנער האָט געהערט זיבעציק צינגער
פון ניו יאָרק ביז אַרקענסאָ, ביז אָקלאַהאָמאַ.
דער אינדיאַנער האָט געזען דעם הויכן קאָרן,
דעם בלויען רויך פון אונדזערע קוימענס.

טשיף טשעראָקי האָט מיר באַגעגנט מיט בלוט.

ו

און די ערד האָט געדעדט מיט פעטקייט אָף די ליפּן,
די שטאָט מיט פייער אין די אויגן.
די רעלסן זיינען געלאָפן באַרג אַרויף צו דער זון,
פון פריסקאָ, טאפעקא, צו מאַנהעטן.

די צווייגן זיינען געוואָרן שווערער און שווערער,
דער ווינט האָט געפּוצט די פרוכט אָף די ביימער.
מיין טאַטע האָט געזונגען דאָס ליד: הושענא!
צווישן בלויע פּריירים, צווישן רויטע בערג.

ז

אַזוי האָט דיין דזשאָב זיך אָנגעפאַנגען:
פון אמארילאָ ביז אינדיאנא,
פון איללינאָיס ביז קאַליפאָרניא,
אַלע צוזאַמען,
אַלע אינאיינעם,
די לעגענדע פון גאָלד אין די בערג.

ח

די קויל האָט גערעדט צום בופלאקס
און אַלע האָבן געהערט.
אונדזער מאַרש איבער דיינע פלויגנען
קעגן דיין פריינטלעכן ווינט.

מיין מאַמע האָט געזאָגט — גאַניידן!
דער אַרכיטעקט האָט געזאָגט — ראַכוועס!
און דער פרומער האָט געשעפּטשעט: גאָט!
פון אַלע באָסעס, זיי דו, אונדזער איינציקער באָס.

ט

אַנקל סעם האָט געזאָגט צום קינד:
זיי ניט איינזאַם.
נעם צונויף די אַכט און פערציק שטערן
און בוי זיך אויס אַ לאַנד.

און דאָס קינד האָט געפרעגט:
וואו איז מיזראַך, אַנקל?
וואו איז מיירעוו,
וואו איז צאָפן,
וואו איז דאָרעם?

און אַנקל סעם האָט געזאָגט צום קינד:
די ערד איז רונד,
די ערד איז קיילעכדיק.
ניטאָ קיין גרעניצן, מיין קינד,
די ערד געהערט צו איין מישפּאָכע.

ו

וויפל וועלטן דאַרף איך בויען,
אַנקל סעם ?
איין וועלט, שטאַרקער זון מייגער.

די ערד רירט זיך אין מיר,
אַנקל סעם.
די ערד איז פול מיט ליבע,
מיט ברויט.

די ערד רעדט צו מיר,
אַנקל סעם,
די ערד גריסט מיך :
— האַו דו יו דו !

Say, Sam —
מיין לאַנד וועט הייסן :
— האַו דו יו דו!

יא

און קינדער זענען געקומען,
געגעבן זיך די הענט.
און אַלע האָבן גערעדט דיזעלבע שפּראַך:
אַ פרעמדער ?
פונוואַנען ?
אַנאייגענער ?
באָרוך האַבאָ !
האַו דו יו דו !

און קינדער זענען געוואַקסן
איין גרויסע מישפּאָכע,
געוואַקסן און געציילט
די באַביליאַנישע מויערן,
די שטעט,
די דערפלער,
די וואַגאָנען,
די לעוואָנעס,
די שטערן.

יב

מאַרדזשי רייצט מיך:
גאַנץ טעקסעס געהערט צו מיינע ברידער.

טאָם היצט זיך:
מיין טאַטע פאַרמאָגט גאַנץ סוסקעוואַנאַ.

דזשיל פלאַמט:
די קופּער מינען אין יוטא זענען אונדזערע.

איך באַרים זיך:
גאַנץ אַמעריקע איז מיינס.

יג

אונטער דעם ברוינעם רעגן אין האַרבסט,
אַ קום, אַ קום, אַריזאָנאַ מיין שטאַט.

אונטער דעם שוואַרצן רעגן אין פרילינג,
אַ בלי, אַ בלי, לואיזיאַנא מיין שטאַט.

אונטער דעם גרויען רעגן אין מאַי,
אַ וואַקס, אַ וואַקס, אַמעריקע מיין לאַנד.

יד

איך וועל שוין דאָ אייביק בלייבן.
מיין טאַטע האָט מיר געשאָנקען
אַ שטיקל קאַרקע
אַף דיין גראָזיקן פעלד.

און גאָט איז איצט מיט מיר —
זיכער באַ דיר.

פאַרמער אין שטאָט

איך וועל ברענגען דעם ווינט
אין שטאָט אַריין.
איך וועל ברענגען דעם אַקער
אין סאָבוויי אַריין.
דער פאַרנומענער טאָג
און די ווינקענדיקע נאַכט
וועלן אַ קלאַפּ טאָן אין אײַזערנעם טיש:
ביי גאָט!
דער פרילינג איז געקומען פון פעלד
אין שטאָט אַריין.

פאַרמער־יונג אין שטאָט

דער פאַרמער־יונג איז הויך
ווי אייבי לינקאָן.
בראָדוויי אונטער זיינע פיס
ליגט האַרט און שטיינערדיק.
— מיידל מיין,
אָט וועל איך פאָרן צוריק אױף מיין פאַרם
וועל דיר אַראָפּרייסן די לעוואָנע
פון מיין בוים
און שיקן דיר אַ מאַטאָנע.

וויגוואמס רעגן

דעם זיידנס אַקסל
איז שטויביק מיט צייט.

די בערג האָבן אים פֿאַרנאַרט —
די ראַקי נעוויאָס,
זיי האָבן אים אָנגעגורט אין זילבערדיקע ווינטן
און געהייסן שלאָגן דעם שטיין
צווישן אַקסל און אַקסל.
דער טאָם־טאָם האָט געשלאָגן דעם הימל,
דער רעגן איז געקומען.

יענקי פערדל

דער בלויער שטערן איז ווייט.
צי זאָל איך איינשפּאַנען
מיין יענקי פערדל
און ברענגען דיר צו אים?

די מיילן ציען זיך ווייט.
אַזש פון דאַקאָטא ביז קאַלאַמאַזו.

הייסער גאָלד אין יעדן שטראָם.
אַך, די ווענטקע,
מיר וועלן כאַפּן גאָלדענע פישלעך
אין דיין באָבעס גרינער וואַזע.

די מיילן ווערן קירצער.
אַזש פון דאַקאָטא ביז קאַלאַמאַזו.

גווינס ליד

דאָס פייער איז הייס,
דער פראָסט איז הייס.
מיין ליבע אין מיר —
אַ קראָליקל ווייס.

דער שניי איז דין,
די שטרוי איז נאָס.
מיין בענקשאַפט אין מיר —
אַ קראָליקל ווייס.

די נאַכט איז שווער,
דער באַרג איז ווייס.
מיין מיידל שלאָפט —
אַ קראָליקל גרויס.

טעהעטשעבי פעס

לאַנגזאַם בלוי קומט דער מאָרגן.
די ערד איז פרויאיש.

פינגער־צייכנס פון דער נאַכט איבערן וואַלד,
די שאָטנס פאַרשעמט, די שאָטנס פאַרגיין.

די לעוואָנע
אַנגעלענט אַפן וואָלקן, שפּיגלדיק שטיל.

די ערד אין גרינע פעדערן.
מיין לאַנד איז רייך.

מיין לאַנד איז רייך מיט טאָכטערטום,
פול מיט מיידלשאָפט מיט געבער.

א בריוול צו סוזאנאן

דער ווינט ליגנט מיט קאַס אין דיינע שויבן
און נאַכט איז גרין אין דיינע אויגן.

מיין בריוו צו דיר איז ווייס, אַן שאָטנס.
די פלוימען פון מיין גאָרטן זענען טויאיק בלוי.

און בלוי איז דער וואָלקן איבער מיין כורווע
און ריין איז די שאָ ווי דיין זונטיקדיק קלייד.

אַט וועל איך אַ שפּרינג טאָן אין לעוואָנעדיקן זאָטל
און ברענגען דיר דעם אינגדזל פון געגנדז און פון שטערן.

טשיף נאָמאָ

טשיף נאָמאָ ציילט שוין זעכציק קוואָרים,
דער זון פון פליגקן אָדלער,
דאָס אייניקל פון בראַון קריגער.
די ערד געבערט אים אָפּגענאַרטע
צוזאָגן.
ער איז אָנגעשוואָלן מיט שווייגן,
איינגעדעקט מיט לעגענדעס פון זיין שייזועס.
ניטאָ מער דער פאַרביקער יאַנטעוו
פון קאַיאָטן פאַנג.

באַ די בערג פון קעניאַנראַם
צינדט דער טשיף די פייערן
פון זעכציק זומערן.
ער איז נישט באַרוט.
דער פייער־טאַנץ ניט מער,
דער שלאַנגנטאַנץ ניט מער.
די טאָכטער,
די שוואַלב פון זיין בורא,
ניט מער.
מאַוואַרנאַ זיין טאָכטער
טאַנצט ווילד און היפּטיק
דעם
גרויסן־עפּל־טאַנץ.

דייזי

דייזיס לייב שמעקט מיט זון.
די פינצטערניש קריכט
דורך פאַרשלאָסענע טירן.
שטילקייט ליגט זשעדנע־נאַקעט
אין מעקווינס הויז.

מאַסטער מעקווין איז רייך,
ביי גאָט — רייך.

באַם ראַנד פון טייך
דייזי שפיגלט זיך אין יאָרן.
ציילט די אויפגעבליצטע רעגעס
אין זיינע אויגן,
די זאַטע נעכט פון זיינע זומערס.

דער אָגער אין מעקווינס שייער
איז היציק און ווילד.
זומער זינגט צעבליט.
דער ווינט אין קאָרנפעלד
שפילט אַף אַלע זאַנגען.

דייזי אין גאָרטן
אַ ציטערדיקע קוקורוזע.

נאָר אַלט איז מאַסטער מעקווין,
ביי גאָט — אַלט,
פאַראַנקערט מיט יאָרן.

פאַרמעטער מעקדוגאַל

ווייץ אין מיין פעלד
די וואָג פון שטערן.
די שטערן ריידן שטיל.
כ׳הער רעגן אין מיינע אויערן.

מיין ערד אָטעמט מיט עמעס.
די ראַכוועסדיקייט האָט מיר
פרייד געבוירן.
די הייליקייט פון אויפּבלי
זונטיקט. קלויסטערט.

אַזש פון הויכן באַרגשפּיץ
מיין מאָרגן אָנגעצונדן.
קעגן דער ליידיקייט
פאַרמאָסטן.

מי שטראַלט פון יעדן צווייג.
דער רעגן צוואָגט מיין גראָז.
כ׳פיל זיך ריין.

גאָט העלפט.
דער ווינט איז ניט קאַרג.
די לעוואָנע אָף דיין ברוסט
וואַרעמט אי מיך,
אי מיינע אוגערקעס.

סאנטא פעי

א

אַ פּעבלאָ־אינדיאַנער ציילט זיך שייוועטס שטערן.
כ׳צייל די גרינע פייערן דורך אַ באַגשויב.
די אומענדלעכקייט פינקלט אַקעגן,
דער שעפּס צופוסנס — אַ בערגל שלאָף.

רעלסנרייד.
האָב ליב די פרייד, די רו פון פאָרן.

בוים נאָך בוים מיט טויזנט אויערן אויפגעוואַכט
נויגט זיך דערנעבן.
די שטויביקע ערד איז
שווייגיק מיט געפאָר.
וואַלדנאַכט גאַרטלט מיך מיט שלאָף.

ב

די ווייטקייט אַ שרייענדיקער זאַמדשטורעם.
מידבאר ליגט אין זאַמדיקן גלימער.

אַלע וועגן אָטעמען מיט מיין געביין.
דער ווינט לויפט פאָראויס.
אין מיר אַליין —
מאָרגנט די אומצעטיילבאַרע קאָלירישקייט
פון זונאויפגאַנג.

נעוואַדאַ

נעוואַדאַס הימל, אַ מאַכשייפע
אין בראַנדיקע קאָלירן,
האַלט די זון אין מויל
און בעזעמט זיך מיירעוו צו.
וויסטעניש
באָדט זיך אין פאַרבן.
די שאָטנס, אומרואיקע סאָלדאַטן
מיט הונגער נאָך גאָלד און זאַמד.

נעוואַדאַ ליגט פאַרקלערט —
אַן אינדיאַנערקע פאַרקאָלדרעט מיט זיכרוינעס
שטריקט דעם רויך פון אַ פאַרגאַנגענעם שייוועט.
די לופט איז אָנגעצונדן
מיט פאַרטאַיעטן גלי.

פערד און זאָטל

דער הימל איז שוואַנגער מיט רעגן.
גיב מיר שאַרפע שפּאָרן, שאָכן,
כ׳וועל אויפשניידן הימלס בויך.

כ׳מיין אַזוי. עס ברענט דאָס היי.

דער הימל איז פול מיט קאַפּריז.
גיב מיר אַ בראָנקאָ, שאָכן,
כ׳וועל דיר ברענגען דעם רעגנבויגן.

כ׳מיין אַזוי. ס׳קילט נישט קיין טוי.

די לעוואָנע איז ווילד און צעלאָזן.
גיב מיר דעם פייעראייזן, שאָכן —
כ׳וועל בראַנדן איר פּאָנים.

כ׳מיין אַזוי. נאָכט ברענט אונטער שטרוי.

בייטש און קויל

די נאַכט, אַ שוואַרצע טויז
אין דיין כאַליעווע, מאָנטאַנאַ.
ניט שיס!
דער בער דערקענט אין מיר
דעם גער.

דער שאַקאַל וויינט דאָס געווייַן
פון דיין רעוואָלווער.
דער בופלאָקס — ווי איך
איז אָנגעזויגן מיט דוירעס און דוירעס.
ער איז איכעסדיק, ער איז ערדלדיק.

ער קושט דעם קאַרק פון צעוואָקסענעם באַרג
און ווייסט דעם סאָד פון זיין עלטער.
ער איז פרום מיט דויער.

נאָר איך קען דאָס ליד פון דיינע פייערן,
מאָנטאַנאַ.
דיין פריירי איז אָנגעצויגן מיט בייטש,
מיט ווילדע פערד.
אַנטליי מיר דיינע לאַנגע שטיוול —
איך וויל מעסטן די טיפקייט פון דיין האַרץ,
דיין ערד.
לאָמיר אַנטאָן דיינע קעלבלעך שטערנגלעקלעך
צו פאַרקלינגען שאַקאַלס געווייַן.

וואַיאָמינג

דיינע בעכט בליען מיט שטערן
וואַיאָמינג.
ווינט צעקאַמט די קורץ־געשאָרענע האָר
פון דיין קאָפּ,
און דער שניי — ווייסער פּודער
אויף דיין מידבאַרס פּאָנים.
נאַקעט און צעכראַסטעט ליגט די שטילקייט.

גיב מיר רעגן.
איך וועל אָפּוואַשן די זאַמדיקייט
פון דיינע פיס.
דער עלנט איבער דיר,
ציגלדיק־ברוין,
שטיינערדיק־שווער.
די גרויע בוימלעך, גלאַנציקע נאָדלען
אין דיין גוף,
פאַרנייען דיין וויי.

קאַו־באָי פאַרעלטערטער
און פאַרשעמטער.
(די שאַרפע באַנען שניידן דיין ברוסט).
לאָז מיך שלאָפן אין דיין זיידנס
געשטרייפטן וואָגן.
איך וויל אָטעמען
די קראַפט פון אייביק ווערן
אַזוי באַרגיק הויך,
אַזוי מיילנדיק ווייט,
וואַיאָמינג.

זונאויפגאנג אין סיערא נעוואדא

אַף נעוואדאס טעלעפאָן־דראָטן
הענגט דער ווינט זיך באַנדזשאָ
און שפּילט
אַ זוניק ליד.
באַרג, און באַרג, און באַרג.
די אייביקע זאָטלען
פאַר דעם פאַרבלאָנדזשעטן רייטער
פון פייל און בויגן.
נאָר דער באַן־פייף קוויטשעט אויס ניצאָכן
און וואָרנונג.
נעוואדא כאָלעמט.

וועסט איז וועסט

דער אַקער גלאַנצט.
דער ווינט טאַנצט איבער אַלפאַלפאַ,
איבער היי.
דער שעטאַך — אַ מיידלס פּאַנים מיט פאַרב,
מיט צוזאָג.
כ׳רייט אַף פערד, אַף בערג.
דער ווינט אַ בייטש.
די זון מיין זייגער.

דער וואַלד איז טיף און הימ איז ווייט.
דער באַרג איז הויך. דער הימל נאָענט.
איבער יעדן בוים שטיקער ווייסע וואָלקנס —
פליגל אין דער לופט.
וויפּורוויל זינגט. וויפּורוויל רופט .
ס׳ווערט מינבעדיק שטיל.
פאַרנאַכט צו —
דער פאַרמער זיצט פאַרטראַכט
און שרייבט מיט לולקע־רויך אַ בריוו
צו גאָט.

SEVEN, ELEVEN

די באַן טרינקט ווינט.
די באַן איז שנעל.
די באַן שאָקלט אַראָפּ
מידקייט פון די שיך.

אין וואַגאָן:
זיבן פּאָר שוואַרצע שיך,
זייגערן און טרייסלען זיך צוזאַמען.
סעווען .. עלעווען .. סעווען ..
קייקלט זיך מאַזל צווישן פינגער
צוקער־ווייס, ווייס.

הוידעט זיך אַ זעמערל
פון זיבן פּאָר שיך:
אַף מיינע קני פּאָר דיר,
סוזאַנאַ, סוזאַנאַ.
כ׳רעד די רייד פון ווייסעביינדלעך
סוזאַנאַ, סוזאַנאַ.
אַ שוכבענדל פּאָר דיין מי,
לולאבעל, לולאבעל,
ביזט קיין מאַלעך איבער מיר,
לולאבעל, לולאבעל —
ניט היינט, ניט מאָרגן, קיינמאָל.

דאָס בלוט איז רויט.
די הויט מיט גלאַנץ.
עלף פּאָר ווייסע שיך אין טאַנץ
מיט מאַזל.
נאָגל־ריין דער שפּרונג פון ביין.
און דער געזאַנג —
דאלארדיק גרין.

האַרץ מיין האַרץ, זייגער מיין.
די שאָ איז פרי, די שאָ איז שפּעט.
די שאָ איז שוואַרץ.
אַלטער דו, גיב אַ קוק:
אַפן הימל דערזעלבער שפּיל,
די שטערן —
סעוועז . . עלעוון . . סעוועז . .

שטאָט שלאָפט

שטאָט שלאָפט.
ווינט האָט פאַרוויגט די פייערן.
רויך און בלוט
קילן זיך אין בלוי.

שטאָל און שטאָלץ

דער פייער טאַנצט.
פייער און ווינט זינגען דעם שטאָלענעם אָנטעם.
אַ גאַנצער טייך מיט לעוואָנעס.
און די נאַכט איז ווילד מיט פייערדיקע האָר.

פּאַפּירענער טייפון

מיין גאַס רוישט, אַ פּאַפּירענער טייפון.
כ׳קלעטער אַף די הויכע שטיגן פון רייפן וואָר
און צייל די באַפליגלטע רעגעס פון פלאַמיקע שטיינער.
כ׳פלעכט די לעגענדע פון וועלן—ווערן.

די זון פוצט די שויבן.
אַ שטראַל ווינקט אין מיידלס שפּיגל,
די בענקשאַפט בליט אַף איר ליפּ.
דער ווינט פאַרשייט לעשט אויס די ליכט.

מיין אָדלער שלאָפט אָפן פערציקסטן גאָרן.
אין מאַרש אויפגעריגלטע טירן קוקן זיך איבער.
אַף ליכטיקע בריקן און ליכטיקע דעכער —
כ׳פלעכט די לעגענדע פון וועלן—ווערן.

מאָרגן איז אײביק

אָפּגעוואַשן פֿון מײַנע לענדן מעסלעסיקן שטויב,
כ׳גלויב: מאָרגן איז געבורט, מאָרגן איז אײביק.

דער ווינט איז איצט אַ וועל איבער מיר.
אונטער מיר — אַ בראָנזענע ערד אין פֿלאַם.

די נאַכט שטראָמט אין פּלײצע און אין רײַך,
עס שרײַט דער טאָג אין דרוק פֿון קלעם.

דער גורל ער פּליט אין שאַרפֿן בלוי,
און געוואָי פֿון וועלף אַף שטאָלענע צווײַגן.

מײַן גאַנץ וועזן צעוויגט צווישן מויערן,
די אײַנגלשאַפּט היינטער מיר מיט באַדויערן.

אונטער אײַזערנעם קנוט מײַן ראַשיקער סטימול —
נאָר דער זייגער איז ערלעך, דער זייגער ער היט,

און די נאַכט מיט ליד אין מײַנע אָרעמס ברענט,
כ׳גלויב: מאָרגן איז געבורט, מאָרגן איז אײביק.

רויט ברויט

רויט ברויט

א

וואָלקנס האָבן זיך אָנגעטרונקען
מיט גרינע וואַסערן,
דער רעגן ווײנט אַראָפּ פֿון די בײמער.
כ׳ליג איבער אַלע נאַסע פּלוינען
אײנגעשפּאַנט אין שווערע פֿליגל
און ווער געשלעפּט פֿון ווינט —
אָ, ווינט!
ווײז דעם וועג צום אײביקן פֿרימאָרגן
אײדער די זון פֿאַרגײט
באַם פּוס פֿון מײן צײט.

ב

אינדרויסן פּאַטשט די ראַדיאָ מיט מילכאָמע־פֿליגל.
די וועלט עסט דעם רויטן ברויט פֿון סעפּטעמבער.

ג

די וועלט אַף די קני איז צוועלף מאָל אַראָפּ,
אָן האָניק די לופט, אָן אַקער די ערד.

די ערד איז באַשוכט מיט שפּיזיקע שיך,
אַ האָז און אַ מענטש צווישן בלייאיקן גראָז.

ווי אָטעמדיק די העלקייט אין שראַפּנעליקן רעגן.
דאָס ליד פון ל—ע—ב—ן וואָרקעט אין מיר.
און די בלויקייט בליט אין הייליקן שווייגן,
אַ קלאָרקייט פון בליץ דערוועקט זיך אין וואַלד:

אָט באַלד, אָט באַלד, די שטערנדלעך — ווי בלומיק.
אַ צעקודלטער פרימאָרגן הענגט פלאַמיק אַף סטרוניקע ביקסן.

ד

דער ווייזער איז הייזעריק און בלינד.
דער פלוין אַן גרין, דער וואַלד
אַן ווינט.

אי באַענט אי ווייט צעברעקלטער אַנגסט.
די ערד איז מאָגער און נאַקעט
דער וואַלד.

און זומער ווינט דורך הורבעס בליי.
אַ ווינט צינדט אַן די שטילקייט צווישן
בלוטיקע גראָזן.

באַם ראַנד פון וועלט לויפט די קויל.
די לופט אַ געמיש פון גאַז
און סאַם.

ה

יעדער בוים ווינטיקט מיט אויסגעברענטע שאָען
און שטילקייט פּלעמלט צווישן שטורעם און שטערן.

די קאַרגע שאָ רעדט מיט קאַלטע ווינטן.
דער הימל איז וואַך און טוט ניט דרימלען.

אַ מענטש ליגט אָנגעטאָן אין פּינצטערניש —
דער וועג צום גאַנעידן איז נאָענט און טיף.

ו

קומט אַ מענטש אָפן פראָנט צו פאָרן,
אַ מענטש אונטער רעדער און רעדער.
און אויבן פאָרט נאָך די זעלביקע לעוואָנע.

לויפט דער מענטש פאַרביי גאָטס טיר
און שמירט און צייכנט די טונקעלע טרעפּ
מיט בלוט פון זיינע שטיוול.

אַ שאָס באַ דער טיר!
די נאַכט ליגט צעשפּאָלטן מיט שטערן.
נאָר מענטש הענגט זיך אָן אַף גאָטס האַלדז —

און ער דערציילט, ווי קאַלט און שאַרף
די ערד איז אונטער אים.
ווי גרויזאַם דער ווינט צווישן די ציין.

און ער דערציילט, ווי די וועלט און גאָט
האָט אים פאַרראַטן.
דער מענטש אונטער רעדער און רעדער.

ז

ס׳וועט מאָרגן פעלן
אַ מענטש,
ס׳וועט מאָרגן פעלן
אַ שאָטן.

צו פרי
דער מענטש.
צו שפּעט
דער מענטש.

בלויז איינער
אַזוי ווייט פון מיר,
בלויז איינער
אַזוי נאָענט נעבן מיר.

ס׳וועט מאָרגן פעלן
אַ מענטש,
ס׳וועט מאָרגן פעלן
אַ שאָטן.

ח

מיין רידל גראָבט די ערד.
און אָוונט ליגט באַפרומט
אין מיין אינגעווייד.

די נאַכט אָן פענצטער.
כ׳וויקל זיך איצט
אין דער שוואַרצער ערד
און קום צו דיר ווידער
מיט אויסגעבענקטער רו.

גיט פאַרקלעפּ דיינע פענצטער.
מען האָט מיך אַרויסגעגראָבן
ווי אַ קאַרטאָפל פון פעלד —
ווייגט דער רויטלעכער האַרבסט
אין מיינע האָר.

מיין ביינערדיקע האַנט
וועט אַ גראַבל טאָן
דיין שווערע טיר:
מ—מ—אַ—אָ—מ—מ—ע—ע—!
טויט ברענגט מיך ווידער צו דיר.

ט

דער טויט באַם ראַנד
האָט אויסגעפּלאָנט דעם האַרבסט
דורך דער וועלט דער גאַנצער.
פון יעדן בוים בלעטלעך אַף דער ערד,
כ'קלייב זיי אויף ווי אַ ברודער פון זייער שטאַם —
מיינע קאַפּיטלעך טילים.

דער סוינע ליגט פאַרהוילן אונטער שווערע ברעמען.
די שטערן, פליענדיקע קוילן.
ס'איז שטיל און אומשטיל.
דאָס שלאַכטפעלד איז פייער־געהיל
שניידיק און שנעל.

אַ פויגל איז אַראָפּגעפאַלן
און געקושט מיין ליפּ.
דער הימל איז היינט אַ הענגבריק.
און דער ווינט — שטריק.

ר

כ׳זאָג דיר גוטמאָרגן און אַדיע —
דער טאָג איז אַ בלאַסער סימען
אַז איך בין נאָך דאָ.

און טו אָן אַף מיין לייב
אַ לעוואוש פון זון,
איך זאָל קיינמאָל צעפאַלן.

און לעש אויס דעם פיבערדיקן
דורשט אין מיר,
וויקל מיין גוירל אין אַלערליי קאָלירן.

און זאָג:
ער איז פול מיט זון.
וואו זאָל איך באַהאַלטן דעם גלי פון זיין לעבן?
כ׳זאָג דיר, גוטמאָרגן און אַדיע.

יא

רויטע פייגל אין פלען פון ווינט
פיקן אויס די רעשטלעך פון רויטן ברויט.

יב

אַ מענטש דרימלט אַף די ווייכע קני
פון דער ערד.
איצט, ווען אָוונט אין אים וויל זיין שטיל
און אַנדערש ווי שפּעטער.

און פאַרבלייבט אין זיסן דרימל
אומצעטיילט פון צייט,
פאַרקריצט מיט זון
צווישן גרעזל און גרעזל.

ניטאָ די אייביקייט פאַר אים.
ס׳האָבן זיך שטיקער זון צעריסן —
רינט אויס דער לעצטער וואונדער
פון זיין בלוט.

א פענעצל ליכט

א

אַ שנאָבל ליכט
האָט אָנגעקלאַפּט אין זײַנע אויגן.
די נאַכט איז אַרײַן אין אים
טײַטלענדיק דורך דורכזיכטיקע פֿענצטערלעך
דעם שאָטנדיקן כעשבן פֿון זײַנע בײנער.
זײַן בליק — אַ צעשאָסענע לעוואָנע.

ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּענעצל ליכט.
נאָר נאַכט אַ צעשוונדענע
שלאָגט מיט פֿאַרע־נאַקעטקייט
אַרום די פֿאַררויכערטע שויבן.
ער שווימט אין יאַמיקן גרווירום
מיט כאָלעם צוקאָפּנס,
און זוכט אַ שטערנדל אין זײַן זיקאָרן.

ב

די נאַכט איז מער ניט סאַד און מער ניט מוטערלעך.
ס'בלאָזט דער ווינט אין די דאַרע העלדזער
פון די ביימער
זיין שטילן טראַכטן.
און דאָס פענעצל ליכט אין אים
איז ווי דער באָבעס האַנט —
ביינערדיק־בלאַס
און צדאָקעדיק־שוואַך.

ווינט זיין הימל מיט פאַרגלייזטע אויגן.
דאָס בעט איז זויבער
און די שטעקשיך — שטיל.
שטיל.
אַלץ איז שטיל.
פאַרריגלטע שטילקייט.
אַלץ איז פאַרשטעלט.
ער וויל זיך ווידער אַנטאָן אין געוועזנקייט
און באַוואונדערן די זשומעדיקע פליג
איבער זיך.

פּסאַלם אַלץ מאָיר

PSALM ALA MODE

האַרנאַדלען און פינגער שפּילן זיך
אין פרימאָרגן.
מימיק פון ביינדיר
אין מיגאָר.
דער קאַם אין נאַטן־האָר
קלאַנגפּול.
הענט אין כאָר:
אַ לויב דיר
בליציקער וואָר.

מאטראַז

קאַבאַרעט־כאַאָס.
איך,
אַ מאַטראַז מיט אַ מערמויד
אַף מיין אָרעם,
מיט אַנקער אַף מיין ברוסט
אָן אַ ברעג.

די לוסט זעגלט דורך אַלע פיגורן.
און איך
שווים דורך אַלע שנורן צו דער ווייטער פרוי —
וואָס איז שטענדיק טרוים
און ווייט אַזוי.

צ י ט ע ר

דער אַקער פון ווילן
קלערט:
פאַרזייט.
פאַרבליט.
שניט־צייט זוכט דעם שריט
פון אויפגייך.
אַלץ איז אונטערטעניק.
די שאַרפקייט בליצט גאַדלעסדיק.
און היטער דערפילט דעם ציטער
פון
פאַלן!

פערפעקטער גראַם

זואַלענטין.
וואוהין ?
אַז די ערד איז אויסטערליש
און ווילד.
ס'איז דאָס פאַרגיין אין אַלע אַנטראַקטן.
איך זוך דאָס געזאַנג פון מאַן צו פרוי,
פון מענטש צו מענטש — אין אַלע אַקטן.
און די וועלט —
אַ זוניקער דיאַגראַם.
זואַלענטין, וואוהין ?
מיינע ליפּן אַף דיינע ליפּן —
דער פּערפעקטער גראַם.

קינדערשע רייד

קינדערשע רייד:
ביט אויסגעשלאָפענע גראָזן,
אַ וועלט אין טומלדיקע קאָלירן,
געצעפּלטער פּלאַטער.

דער וועגדאר דערמאָנט וואָכיקייט.
די רויטע עפּל גלאַנצן ווי זונטיקס
און דער כאָלעם שפּרינגט
איבער שטיינדלעך
אוןביינדלעך.

דער בלויער אָונט קומט מיט שלאָף,
אַ קינד לויפט מיט אַ באַלון —
אַ רויטע לעוואָנע אַף איר בעטל.

פ י ק נ י ק

ס׳טאַנצט די זון
אין מײַן מײדלס שפּיגל.
די זינגד ליגט נאָך פּריש
אַף מײַנע ליפּן.
אַ ווײגל דער ווינט,
אַ טיש — די ערד.

דעם הימל צעשניטן,
די וואָלקנס צעשויבערט.

איצט קומט דער אָוונט
מיט זײַן אַלטער לעוואָנע
און ווישט אומעטיק אָפּ
דײַן רויטן קוש,
פון מײַנע ליפּן.

ד י ל ע מ א

די בין האָט זיסע רייד געזשומעט אַרום מיר.
אַלץ איז גרין.
די טיר צו דער וועלט —
אין אָוונטיקע פלאַמען.
די שפּעטע שאָ
שלאָפט אַף מיינע פיס,
און דער שטיין צוקאָפּנס וויינט
אין צערעגנטע פאַרנאַכטן.

ע ק ס ק ו ר ס י ע

דער זאַמד אונטער מיינע פיס.
אַיעדער טראָט בלאָנדזשעט אָן אַ נאָמען.
ניט איינמאָל אויסגעטריקנט מיין שאָטן דאָ,
אַיעדע שאָ דערמאָנט אַ פּאָנעם.

דער יאַם אַנטקעגן ברומט מיט דזשעז,
די וואָלקנס פליען פעדערדיק־ווייס.
עס פירט די שיף אַוועק אַ פּעקל בענקשאַפט
און כאַסמעט דעם אָוונט מיט פּאַסן רויך.

ג ל י ט ש ע ר ס

דער ווינט טאַנצט מיט שנייאיקע פעכערס.
שניי
און נאַכט איז נאַקעט
און נאַכט איז ווילד.
די קלאָרקייט בליצט און היצט
בלוט
מיין בלוט!
דאָ, דאָרט, קער נאָך קער.
דער לעצטער שטערן וויגלט זיך
מיט מיר.

דער ווינט טראָגט ווייסע קינזשאַלן.
אייז
און טויט איז ווייס,
און טויט איז שאַרף.
אַף מיינע פיס מעסערס צוויי
שניידן כוואַליעס לופט,
קריצן
אַף קאַלטן בויך פון טייך
מיין מינוט.

פרימאָרגן

א

די שאָ איז ווייס.
די שאָ איז אָנהויב.

די שאָ שוימט מיט שניי.
די שאָ איז זילבערשווער.

דער באָס צעטרייסלט
אַזייגער פרי פון מאָרגנשטילקייט.

מיין שאָכן דרימלט
און וואַרפט אַראָפּ זיין ברעקל כאָלעם
אַף מיין אַקסל.

און אין מיר בלויט:

אַז גאָט מוז איצט טריטלען
איבער דעם ערשט געפאַלענעם שניי
און צייכנט אָן דעם גאַנג
פון מיין יונגן טאָג.

ב

די שאָ מיט רויש.
די שאָ בינדט.

מיין שאָכן ווערט וואַך.
קלאַפּט אָן אין מיין פאַרקלערטקייט
און טומלט:
די זילבער־זשומערדיקע דראָטן
פאַרבינדן איצט אַלע כאָרן
פון דער וועלט.

די שאָ קלינגט.
די שאָ רעדט.

סעפּטעמבער ווינטן

א

די וועלט שטייט אַ נאַקעטע.
ערעוו ווינטער קוקט אַריין אין שלאָפצימער
און ציילט די קאַלדרעס.
כ׳רעד צו דער לעצטער פליג
עפּעס וועגן זומער,
די לעצטע פליג —
צאַפּלט זיך אין סעפּטעמבער ווינט.

ב

די פליג קושט מיין האַנט:
כאַטש אַלע מיינע גלידער בעטן זיך צום דרימל
און מיין גוף איז גרינג,
ניט בינדט מיך איצט מיט טויט!
באַם שאַכן אין גאָרטן צייטיקט נאָך אַ רויטער עפּל — —
די פליג האָט אָפּגעווישט דעם לעצטן שטראַל
פון זומער.

ג

די ביימער קוקן אַף מיר מיט ליידיקע אויגן.
פֿאַרנאַכט.
דער עלנט וואַקסט ווי מיין שאָטן גרויס
און גרעסער.
פֿאַרנאַכט.
דרימלט די זון אַף מיינע שיך.
כ׳האָב צעעפֿנט די טירן:
פֿאַרוואָס קומט איר ניט, גאַנאָווים,
אָפּצוגאַנווענען מיין עלנט —
פֿאַרוואָס?


ביבלישע מאטיוון

אָדאָם און כאַווע

אָדאָם האָט אָנגעקלאַפּט אין כאַוועס טיר
און געזאָגט:
ווי ברייִשעסדיק די בלויקייט אין דײַנע אויגן.
לאָז מיך דאָ אָפּרוען.
דער מידבאַר וויל מיך פֿאַרנאַרן.

און כאַווע האָט געעפֿנט די גרינע טיר
און געענטפֿערט:
קיין פֿייגנבלעטער וואַקסן מער ניט
אַרום מײַן הויז,
נאָר אַ יונג עפּל־בוים.
און ס'איז דער טאָג אָן ברעמען,
און די זון גליט צווישן מײַנע פּיס־פֿינגער.
זאָל דער אָוונט קומען,
כ'וועל אָנטאָן פֿון הימל דעם שטערנבאַנד
אַף מײַן האַלדז.

אַדאַם האָט זיך אויסגעטאָן פון ווינט,
געזעצט זיך מיט כאַוועץ
אַף אַ געשטריקטן וואַלקן:
יאָ, עס איז שיין דאָס לעבן, כאַוועץ,
ווי דו — אין אַ בלוי קלייד.
נאָך שענער אָבער איז דיין גרינע קלייד.

אָ, אַדאַם,
דער עפּל־בוים האָט אַנטדעקט אונדזער סאָד.
און די גאָלדענע בין
האָט געזשומעט אַרום כאַוועס קני.

הבל און קין

און הבל איז געלעגן אין פּאַשע פּאַרטוליעט.
די סטאַדעס זיינע, ווייסע וואָלקנס
אין פרישן באַגין.
די ערד האָט געשמעקט מיט גרין,
מיט זון זיינע האָר — האָניק קאָליר.

און קין איז געלעגן הייס פּאַרטאַיעט,
שיקער מיט געטראַנק פון ווילדן בוים.
די אָקסן האָבן מיט די קעפּ געשאָקלט,
די ערד האָט זיך געבערשטלט די ציין.

און הבל האָט צעשיקט די ווייסע טויבן
צום טאַטן־מאַמן, אַזוי צו זאָגן:
איך שיק אייך די ערשטע מאַטאָנעס.
דער האָניק איז זיס,
די וואָל איז ווייס.
כ'וועל קומען באַלד,
גרייט די וועטשערע, מיר וועלן בענטשן.
די וואָלקנס האָבן זיך עפּעס פּאַרטשעפּעט
אין וואַלד.

און קין איז אַוועק אין וואַלד מיט שוויס
און מאָרד.
אין וואַלד האָט געברומט דער ווינט מיט דונער.
די זון איז פּאַרגאַנגען אין די פענצטער פון וואַלד
און קין איז געפאַלן אַף זיין ברודערס האַלדז.

הגר

און ס׳איז געווען אַ זומערטאָג.
אין טיר איז געשטאַנען שרה.
און הגר האָט געקוקט אין אַלע טירן פון גאַס
געזוכט דעם מאַן וואָס זי האָט ליב —
אברהם, אברהם.

און אברהם האָט פאַרריגלט די טיר.
הגר צאַפּלט זיך מיט פלאַם.
דאָס געלע זאַמד רעדט פון היץ,
און הגר, זיפצט דורך זאַמדיקע שויבן.

אין פעקל אַ פאַרדאַרטער כאַלעם.
דער מידבאָר מיט לויער, מיט בלענד.

און הגר וויינט מיט פאַרליבטע אויגן.
אברהם ציילט די זילבערנע האָר פון זיין באָרד.
נאָר שרה שטריקט אַ זאָק אין אַ זומערטאָג
און וויל ניט הערן הגרס דורשטיק געוויין.

רות

צום אָנדענק — בינה צעשינסקי.

די זון האָט געדעגנט מיט גאָלדענע פינגער
און רות האָט געקליבן אין פעלד ביזן אָוונט.
אירע קליינע טריט מיט גרינגקייט פון גערשטן,
איר ברוין לייב מיט פולקייט פון ווייץ.

רות׳ס פינגער ווי פולע זאַנגען:
לאָמיך דאָ קלייבן צווישן די גאַרבן.
אָוונט האָט זיך פאַרטאַיעט הינטער דעם שייער
און די שעפּ־יונגען האָבן געטרונקען
די שטערן פון די קיילים.

און דער ווינט האָט אָפּגעדעקט בועז צופוסנס.
רות, דערנעבן דורכזיכטיק און קלאָר.
זעקס מאָס גערשטן די וואָג פון איר שווייגן,
די רייפקייט פון פעלד אין אירע האָר.

נאַכט האָט פאַמעלעך געשפרייט אירע זאַלבן.
די לעוואָנע האָט געקילט די קני.
ערשט רות איז געלעגן צווישן שטערן און שווייגן
און בועז האָט געבענטשט דעם ווייצשניט אין דער פרי.

יוסף׳ס מכירע

און דאָס פעלד איז געלעגן מיט בלי און מיט גלי,
און דער טאָג האָט געשמעקט מיט שאָף און מיט שעפּע.
נאָר דער ווינט האָט יאָמערדיק געזוכט
אַ געשטרייפּטע העמדל,
אַף די בערג און צווישן די טאָלן.

די נאַכט איז אים געשוואומען אַנטקעגן
מיט מידבאָר־זאַמדן, מיט שלאַנגען.
אַלץ איז אים נאָכגעלאָפן:
אַ ווייס לעמעלע,
דעם טאַטנס פּאָנים,
די לעוואָנע
און דער ווינט.

און דער שאָטן האָט אַף עלעף אָנגעוויזן,
און יוספס עלעף ברידער
האָבן זיך געלייגט שלאָפן.
נאָר יעקב האָט איינגעגראָבן זיין פּאָנים
אין יוספס קישן
און געפיבערט מיט זאַלציקע טרערן זיין בענקשאַפט.

יוסף און בנימין

דער פאַנג איז געלעגן פריש אָפן טיש.
און די צווייגן האָבן צעוואָרפן שאָטנס
איבערן מויער.
דער זילבערנער בעכער האָט געצויבערט צווישן זיי.

יוסף האָט געקושט דעם אינגל־ברודער בנימינען:
— מיר פיבערט פון דיין צווויינען זיך, בנימין.
עס דעם זיסן ברויט מיינעם,
מיר וועלן ביידע ברוינען אין אַ כאַלעם —
דאָס מייסעלע פון די צוועלעף ברידער.

דאָס פעלד
און דאָס גראָז
איז טונקל מיט הונגער:
זע מיך, בנימין, איך בין זאַט פון דיין זיין מיט מיר;
זאַטער ווי פון האָניק,
פון לאַדאָן
און פון מאַנדלען.

יוסף איז געלעגן ווי אַ שיינער פירשט
צעליכטיקט פון וויין.
אינדרויסן האָבן די זיבן זאַטע קי
פאַרנומען די רייד
פון יוספס ברידערלעכער בענקשאַפט.

יהודית

אין יהודית׳עס אויגן
צעבליטער טאָג,
נאָר נאַכט אין איר האַרץ.
די ערד איז אַנטבלויזט,
דער הימל איז שאַרף.
די צייט אַ מעגילע מיט רויטע טריט.

יהודית קאַמט דעם קלעם
פון אירע שוואַרצע האָר.
העליפארנוס ציגנדט דעם ניצאָכן אָרום —
אַן אָרגיע פון הענט און פון שווערד.

און יהודית טרינקט דעם זאַפט
פון זון
און ווינט.
די פעסטקייט פון שטאָם אין איר טראָט,
און וויינפול די פרייד אין אירע גלידער.

אַפן שאַרף פון איר שווערד
העליפארנוסעס קאָפּ —
ער זעט
די אייביקע זון
אין יהודית׳עס בליק.

געטאבראנד

מיין גאַס

א

מיין גאַס שטייט ווייַנענדיק אַליין.
די זילבערנע שיכלעך פון מיין שלאָף
פאַרוואָרפן.
באָרוועס גייט דאָס לעבן פון הויז צו הויז
און בלייבט שטיין באַם ראָג,
וואו ווייסע בערד שמועסן
מיט זאַמד און מיט שטערן —
דעם אייביקן שמועס.

און מאָרגן קומט דאָ ווי אַלעמאָל
און פאַרזייט נאַכטיקע שרעק —
דאָס גרויל אַף אַלע שוועלן,
די נאַקעטקייט פון וואָר
אין אַלעמענס אויגן.
מיין גאַס בלייבט ווייַנענדיק אַליין
און פאַרצייכנט די ווייסע בערד —
אויסגעריסענע בלעטער פון אַ צעטראָטענעם ביבל.

כ׳ליג פאַרפלאָנטערט אין בליציקן שרעק
און שעפּ פון דער נאַכט
ווי פון אַ ברונעם די שטילקייט.
די לעוואָנע אַ זוכליכט —
מאָלט דעם בייטש און פּיסטאלעט,
און שייערט די בלוטיקע טרעפּ
פון מיין גורל.

וואו ביזטו, זיידע,
מיט מיין ביסל רו, וואו ?

ב

כ׳האָב אויפגעבונדן מיינע שאָען
ווי צערייצטע אינדן
און געלאָזט זיך אַף די ענדן
מיט ווינט,
אַ גאַרטל אַף די לענדן.
וואוהין, זיידע, וואוהין ?

דער טאָג פּאַשעט נאָך אַלץ מיט בלענדן.
און נאַכט שפּיגלט זיך אין מיין לייב
מיט לעוואָנעדיקע לעגענדן.
און דער סאָף איז הייס,
און דער סאָף איז אייביק.
מיין כאָלעם, אַ נעגער, דער אייביקער קאָרבן.

אָ, וואָר מיין רייפער פאַרקלעגער.
צי קען איך איצט מעסטן
דעם שאָס פון מיין יעגער ?
אין געפּענט אַלע מיינע פאַרנאַכטן.
און כ׳בין מיד פון בראַנדיקן טראַכטן.
איך —
דער בלוטיקער וואונדער אין די הענט פון מיין שלעגער.

שטאָלענער פּאַראַד

די גאָרנדיקע שטאָט ליגט איימעדיק צעבּרעקלט.
אַלץ איז צעשפּאָלטן.
אפילו דער דין געוויין פון אינגסטן
וואָס־נאָר־געוואָרענעם פליכטלינג
וואָס שווימט צו גאָט —
דורך דער בייכיקער סאָבוויי.

דער שטאָלענער פּאַראַד גלאַנצט
איבּער מיין דאַך.
אַלץ איז צעביינערט.
און גאָט,
ווי צעזאַר רייט אַף זיי
און פירט די לעוואָנע פאַראויס
אומהיימלעך קאַלט.

איוב היט די איצט־צעבּליטע בייסהאַלמינס.
זיין גאַנץ לייב —
אויסגעקריצטע לוכעס פון דער וועלט.
ער איז צוגענאָגלט צו דער נאַכט
און ציילט די טויטע לעוואָנעס —

נאַכט איז קאַרג מיט שלאָף.
דער שטאָלענער פּאַראַד אַלץ רוישעדיקער.
ניט צו אַנטלויפן,
ניט צו אַנטרינען.
און דער שאַרבנבאַרג איז הויך.
און איוב קלעטערט צווישן פּיילן און פליגל —
(ער דערקענט די שטים)
און וויקלט זיך אין דער וויסטעניש
פון מיין וועלט.

אכזאראס

דער מענטשן־וואַלד קאַנאַנען הייס.
אַכזאראס שרייט דורך הייסע דראָטן.
דער ווינט לייגט שערבלעך אַף אַלעמענס אויגן,
דער מיין פון גראָז איז דין און שאַרף.

דער ווינט יאָגט איד צום יעגערס פאַנג,
דער איד זינגט ליד פון טויט מיט זיינע ביינער.
דער קרייץ איז שוואַרץ,
די נאַכט איז שווער,
די ביקס קלאַפּערט מיט הייסע ציינער.

אכזאַראַסעס פינגער ציילן די בערגלדיקע נעכטנס.
און ווי און טויט —
דער אַלעף־בייס פון מיינע קרעכצן.

אַלץ פאַרגייט.

מיין זיידנס צווי ווילדע פערד,
מיין טאַטנס צווי ווייסע זעגלען.
און איך האַלט שוין באַם עראָפּלאַן.
וואָס מיינט דען צייט, וואָס זאָגט אונדז זמאַן?

איך טראָג מיין געצייכנטן גורל
ווי דורשטיקייט קעגן וואַסער.
און זיפץ און ווי און טויט,
דער אַלעף־בייס פון מיינע גלידער.

וועלף

אַזויפיל וועלף לעבן מיין טיר
אָטעמען דעם גרויל פון פינצטערניש.
כ׳צעעפן די ווייסע טיר.
די ווייסקייט שפּאַלט די נאַכטיקייט.
מיר דוכט,
אַז די אייביקייט וואַרט אור־אור לאַנג.
און וועגט מיין מוט.
אין די שויבן פון מיין זיקאָרן
קוקן די שאַרבנס פון וועלפישער אַמאָליקייט.

אין הויז איז שטיל און איך בין אַליין.
באַם וואַנט די כאַיע
מיט בלאָנדן קאָפּ, מיט געלע האָר.
איך פיבער אין בעט און ס׳ווערט מיר קלאָר:
זיי זענען אַלע דאָ זאַלבעדריט,
טויט, פינצטערניש און כאַיע,
און איך — פאַרמישפּעט אין דער מיט.

שאַרפֿע צווייגן

דער ווינט שרייבט מיט שאַרפֿע צווייגן
איבער מיין לייב.
כ'אָטעם די זיכרוינעס פֿון דער ערד.
די וועלט אַ האַרבסטיקער ראַלעט.
כ'ווייס ניט מער דעם באַשייד פֿון מיין זיין.

פֿאַרש איך די געל־רויטע בלעטלעך פֿון שאַרשנדע טעג,
און פֿאַר מיר,
צווישן די פֿאַרבליבענע גרינע אָדערן פֿון וואַלד
אַ צעשראָקענער פֿוקס אין פֿלאָנטער.
ער איז ניט פֿלינקער פֿון מיין געדאַנק
וואָס לויפֿט אין בראַנד פֿאַרצוקט צו ווערן.

איך ווייס:
די כמאַרע אין ווייכע סאַנדאַלן
גייט און בענטשט דעם שניי איבער אַלע יאָרן,
ווייל די שפּיז אין שאַרפֿן קאַפּריז
שטעכט און קאַרבט מיינע איצטיקע שפּורן.

אַלע האַרבסטן פֿון דער וועלט אין זיך פֿאַרזייט.
כ'הענג צוגענאַגלט אויף דעם צעבלוטיקטן בוים
פֿון מיין דאָר.
צי האָב איך אַלץ פֿאַרלוירן?
איך ווער איך צווישן האַרבסטיקע קאַנטורן.

גוטוואַד

אַט בין איך אַן אָפּגעטײלטער
מיט מיסטישקײט פון אַ געטאָ־ריגל,
מיט מעגילע מיראַזשן,
מיט כײלעוונע פאַרנאַכטקײט
פון אַ גוטוואַד.

אַף דעם ציטער פון מײַן הויט
ליגט דער עמעס צעשפּאָלטן
ווי געקאָסעט גראָז אַף צירלעכע מאַציווס.
און איך אין אים.
און ער אין מיר,
פאַרשאַרפט,
פאַררינגט,
פאַרשאָלטן!

הינטער מיר די זון אַף גרויע פעלזן.
מײַן יעדער הײַנט געוואַשן אין בלוטיקן רעגן.
אַ דאַנק דיר, גוטוואַד,
אַ דאַנק,
פאַר דעם שירעם פון ראַכמאָנעס.

ערעוו־וואָך

(דניאל דייטשן)

מיין זיידע זופּט אַ הייס טעפּעלע טילים.

אַ לאַפּע פינצטערניש קלאַפּט אין שויב,
ערעוו־וואָך לויערט דורכן פענצטער.
שטילקייט און ווינט פאַרקניפּט אין זיידנס באָרד,
די נאַכט שאָקלט אַראָפּ דעם שטערנ־האָגל.

די סאָווע אַפן בוים וואַכט אונטער שטערנשטויב.
אַ וואונדערער טראָגט די וועלט אין זיין טאָרבע.
מיין זיידע ציט אַ ניגן וואָס ווייס בישט קיין סאָף,
און זופּט אַ הייס טעפּעלע טילים.

באַשירעם און באַהיט —
די נאַכט איז פול מיט מעראַגלים.

טאָוולען פון א לעגענדע

מיין זיידע קנעלט מיטן ווינט.
דער האַנדל־וואַנדל אַראָפּ
פון זיינע פּאָלעס — ניט מער.
די פּאָלעס צוויי — טאָוולען פון אַ לעגענדע.

גרונט־בונטיקע געפּאַרן. מאַפּאָלעס און זיגן.
און אין אַלע שטאַלן
שעפּסענע אומשולד.
פליט דער זיידע, פליט
(ווי מאַרק שאַגאַלס איד איבער וועלט־ווילדע דעכער)
נאָך העכער פליט איבערמענטש
און כעשבנט אויס דעם וועג צו גאָט.

אַ הארדע וואָלקנס. צעטרייסלטע שטערן.
אַ האקנקרייץ די אַלטע לעוואָנע.
די צייט מיט אומרו און וואונד.
און די וועלט איז אָנגעטאָן
אין מיין זיידנס שאָטן.

מיין פעטער משה

די גאַס איז צדאָקעדיק,
מיט בלוטיקן בליט,
מיט געדראַנג,
און אין מיר אַ געקלאַנג —
צעבראָכן גלאָז.
מיין פעטער משה שווימט אין שימער.
ער וועט אימער און אימער
אָנפּאָיען די באַכט מיט טויט,
און וועט פון דאָסניי אום האַלבנאַכט
טריקענען זיין באָרד —
אין פּאַסמעס לעוואָנע.

ס'אַראַ וואונדער, הער ריכאַרד וואַגנער!
מיין פעטערס שטומער רוף פון טייך אַרויס
האָט אויפגעוועקט דעם שלאָף
פון דוירעס מענטשן.

ברוינער שטורעם

וויג מיך, אָ, וויג מיך אויף דיינע ווייזערס
גריגנע שאָ פון זומער־זום.
גאָט ווערט ביסלעכווייז מיד
צו פאַרוויגן מיך מיט דעם יאָמערלעכן ניגן.
זיין וועלט הענגט שטום אָפן צאַפּלדיקן שאַרף,
און איך זוך נאָך אַלץ די באַנאַלע רו —
שלאָף.

עס שרייבט דער ווינט דעם סאָד פון אַלע סוידעס,
און טראָגט דעם געוויין פון גיפסענע ברוסטן
אין דער נאַכט אַריין.
די נאַכט איז אויפגעקניפּט און פאַרטרויט.
קען עפּשער זיין,
אַז טויט שפּאַצירט אַרום אין בלויזן העמד
און וויל ניט זיין אַליין,
און וויל ניט הערן דאָס געוויין
פון צעשראָקענע פענצטער.

קען עפשער זיין.

נאָר איך טראָג אין מיינע הענט אַ פלאַמיקן גוף,
דער שוידער אַף צווייגן, אַ צעשאָכטענער שאָטן.
איך ווייס ניט;
איז דאָס ליכט, אָדער בלוט,
אָדער פאַרבן,
איך ווייס נאָר:
דער מאַרשרוט צו מיין ברענענדיק הויז
איז דורך פלאַמיקע צווייגן.
ס׳קאַפּען אַראָפּ די ציטעריקע מינוטן פון מיין שאַרבן,

אָ, ווי נאָקעט די לעוואָנע אַף מיין בעט.
עס האָט דער ווינט מיין ווייסע העמד צעריסן.
די לעמפּלעך צעבליטע, צינדיק־צעפּיבערט,
זיי טראָגן דעם געוויסן פון צעבראָכענע שויבן.

צעשטאָכענע שטערן

די שטילקייט הענגט אַף מיין האַלדז,
געוואָרף פון בלוט פאַרבט דעם פלוין,
און איך, מיט זיך, לעם זיך אַליין
שפיר — די ערד איז היינט פאַרווייִנט.

די לאַנקע וויינט מיט טוי,
דער פאַסטעך איז מער ניטאָ,
דער פאַסטעך איז אַוועק געאַרעמט מיטן טויט.

עס פליען סעקונדן, צעשטאָכענע שטערן,
דער ווינט לויפט אַראָפּ פון די ביימער
און צעזינגט זיך צווישן פרישן היי,
ווי דו און ער אין שניי,
אַמאָל.

איצטער וועל איך טראָגן אין מיין זיקאָרן
די שפורן,
די בענקשאַפט פון צעקאָסעטן קאָרן,
דעם אומעט פון דער נאַקעטער ערד —
אין אַפּגעבליטע פאַרטאָגן.

אורוואלדיקע טליעס

די ערד שפירט דעם אָטעם פון מיין טראָט,
מיין נאַקעטקייט טרינקט די פרישקייט פון ווינט.
עס שווימט אַרום אַ שטערן געבונדן מיט מיין מזל,
ווי איך, געבונדן צו דער ערד — ניט צעשיידן.

נאַכט האָט אַרויפגעכאַפּט זייַדנס שוואַרצע שיך
אַף גיך זיך פאַרקנעפּלט מיט שטערן.
באַם שוועל די פולע לעוואָנע ווי אַ קרוג
שעפּט די לעצטע טראָפּנס פון בלוטיקע שאָען.

אַלץ העכער פליט די נאַכט,
פון ברעם צו ברעם,
פון טרעפּ צו טרעפּ.
ס'וויגט זיך מיין נאַקעטער גוף
באַם שיין פון דער לעוואָנע,
און די צווייגן אַרום מיר — אורוואַלדיקע טליעס.

אַן אויסגעטאָענער שטיי איך מיט שפּור
און מיט צייכן.
— זע, מיין קערפּער איז ענלעך צו דייַנעם,
האָריקער גאָרילע,
און ווער עס האָט נישט קיין לאַנד,
קיין היים,
קיין שאָכן,
דעם שענק איך דיין אידיליע —
דעם דזשאָנגל.

די זון גייט אויף און גייט מיט אין שלאַכט.
די ווייטקייט גריבט און בליט מיט גאָלעס.

גלעזערנער רעגן

צעבראָכענע שויבן.
אַ צעשאָטענער גלעזערנער רעגן.
ווי פלינק דער שפרונג!
דער טאָג איז כוצפּעדיק
און יונג.

די וואָלקנס ווי אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן.
— דאָ האָט די זון אַסאַך קינדער פאַרלאָרן.

די שטאָט — אין צעשאָטענע גלעזערנע שטראַלן צעגליט.
נאָר נאָכט נעמט שטייגן
אַזש צום ניינצנטן שטאָק —
און איך שווים צווישן שטיקלעך גלאָז
מיט אַ צעשאָכטענעם כאָלעם.

שוואַרצע רייד

וויג מיך, וויג מיך.
רעדט ווייך. דיביימער
זענען גרינג מיט ווינט.
גאָט האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע מיינע לייכטע זינד
און געלייגט זיי שלאָפן.

דער הימל,
אַ קינדס שטערן פאַרן שלאָפן גיין.
און נאַכט האָט אויסגעגאָסן פון שלאָף־קרוג
די פינצטערניש: אַ שוואַרצקייט זויגט אויס
פון מיר די זיכערקייט
און טרינקט מיך אָן מיט שרעק.

קום, דו ווייכקייט איבער מיינע אויגן.
נאַכט האָט איבערנאַכט זיך אַליין פאַרדעקט.
דער וואַלד איז קיינמאָל שאַלעמדיק. דער וואַלד
אָטעמט מיט שוואַרצע רייד.

קום, דו וואַרעמקייט איבער מיינע פיס.
מיינע קני זענען ניט פון ביין —
נייערט פון שטיין. און שטיין איז עלנד,
און שטיין איז אַליין,
אַליין.

ברעקלעך גלאָז

דער ווינט וועט ברענגען די וואָלקנס צופּירן
און רעגן וועט קומען אָן טרערן, אָן ליגן,
די ערד גרייט פֿאַר אַלעמען דיזעלבע סודע —
סווינט אַראָפּ דיין זונטיק פון מיינע שויבן.

די וואָכיקייט וועט ליגן אונטער מיין טראָט.
דער שטיין אין ווינקל מיד פון שלאָגן.
אָף מיינע האָר ברעקלעך גלאָז פון צעבראָכענע שויבן
וועלן טרינקען די זון — דורך מיינע פענצטער.

כ׳וועל עסן דעם פרישן ברויט מיט צעבלוטיקטע פינגער,
טרינקען פון לאָגל די פולקייט פון דיין בושע.
כ׳וועל אַפּסנייַ זאָלבן די שאָ פון אָנהויב
און וואָשן די טריט פון מיינע קריק־געקומענע ברידער.

כ׳וועל היינט אַריינקומען צו דיר אין הויז
און וועל זאָגן: לאָז ביט העגגען דיין זונטיק פאַרשעמט.
דער ווינט האָט אָפּגעווישט מיין בלוט, מיין וואונד,
און איך שטיי קעגן דיר — אַ יונגער דאָוויד.

געטאָבראַנד

א

קנויל — קנאַליקע נאַכט. די מוירע אַף שויבן.
בלוטיקע סעקונדן. פליענדע קוילן
רויבן דעם גלויבן.

פייל — פלאַמיקע נאַכט. איימע און טויט אַרום.
אַלץ וואונדיק.
אַלץ שטום.

שוידער — שאַנדיקע נאַכט. שאָטנס גיגאַנטן.
אַף דער הוידע פון כאַלעם
צעטרייסלטע בראַנדן.

ווילד־וואַלדיקע נאַכט. רוגזע און רעגע געפאַר.
נאַכט טויוולט זיך אין בלוט,
נאַכט אין קאָשמאַר.

ב

אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.
אַ טאָג נאָך אַ טאָג.
די אייביקייט בלוטיקט אין שאַרפקייט, אין שרעק,
און איך ווי אַן אַף, שפּרינג פון גרוב צו גרוב,
פּלעכט מיט ניסים מיין דערווייליקן ברעג.

האַרץ וויגט זיך צאַפּלדיק
אַף אייזיקע פינגער.
נאַכט ווי טאָמיד בעגערט מיט שאַרפע פאַרלאַנגען.
האָב די שטערן אויסגעלאָשן.
לעוואָנע טרינקט מיין בלוט און שיקערט אַן אַ וועלט —
געטאָ ליגט געפאַנגען.

ג

דער לאַמעדוואָווניק מיט אַ טשופּרינע שוויגן
קאָמט זיך אין דער נאַכט אַריין.

אַלץ איז צעפלאָכטן, גאַרטל און קנויט.
פלעמלט אין ווינט זיין לאַמטערנע פון טרויער.

שטילקייט פון דעכער אָטעמען מיט שטערן.
נאַכט איז פאַרקאַשערט, נאַכט איז צעריסן.

זיינע בלאַסע פינגער מיט אָוולדיקע דינקייט
שרייבט דעם פרימאָרגן אַריבער די שטיבער.

ס'דאַכט זיך מיר אויס:
די ליעוואָנע זויגט דעם שלאָף פון זיין פּאָנעם.

און זיין גוף — אַ געשליפענע ליכט
לעשט זיך אין געטאָ ווינט.

ד

איך טראָג דיר אַנטקעגן
פון מיין געטאָ
דעם שלאָס.
ווי אַ זעלנער דעם שאָס
אין האַרץ.

דעם שלאָס.
דעם שליסל.
איך טראָג זיי באַזונדער.
איך שענק דיר
דעם אייביקן וואונדער
פון טויער.

פון ראַג,
פון וואַנט,
דעם פיבער דעם שטילן.
אַלץ ברענג איך צו דיר;
מיין זיידנס טפילן,
מיינע געטאָ ביילן.
מיין זיידנס ווייסע באָרד
די צעפלאָכטענע,
די צעפלאָטערטע האָר —
(ווי ווייסע קאַרשנביימער
אין פולן צעבלי,
פון דאָר צו דאָר,
אין פולן וואונדער.

איך טראָג דיר אַנטקעגן
דעם שלאָס.

וויסקייט

(ה. לייוויק)

א

די לעוואַנע אַ שליטל, דער הימל אַ שליאַך,
ווייסקייט בליט אין צאָפּן וויגט.
דער שניי, לעוואַנע־מילך פֿאַר דיין צאַרטן לייב.

סיבירישע שטילקייט אין פּראַסטיקע עקסטאַזן.
שניי —
דאָס לאָשן פון די שטערן, דער שאָרך פון די גראָזן.

דער ווינט איז יונג און פאַרבט מיט גלי
זילב־זילבערדיקע פליגלען, דינע ברעמען.
און צוקערזיס די ערד מיט שניי,
די ערד וועט קיינעם ניט פאַרשעמען.

די ווייסקייט קלאָרט מיט ווייסקייט פייער.
די וועלט מיט בענקשאַפט אין גאולה־שלייער.

ב

די לעוואָנע אַ שליטל, דער הימל אַ שליאַך.
אומרו ווינטיקט מיט צאָפּן־בלענד.
און דער ווינט אַ שאַרפער קאַם,
פּלעכט אַ שוכבענדל אין דער הויט פון פלייציקע שטראָמען.

דער שניי זינגעוודיק פליט און פליט,
און רואיקט די נאַכט ווי אַ לעמל.
ס׳פליסט דער רויטער שוויס אין מיין געביין
פאַרברודערט דורך ליד, פאַראייביקט אין דרעמל.

דער ווינט רוישט, די בלאָנדקייט צעבלאָזן.
שניי —
דאָס לאָשן פון די שטערן, דער שאָרך פון די גראָזן.



אנטפּלעקונג

שאָטנס פון מיינע שטאַמען

(א. סוצקעווער)

כ׳קלעטער צו הויכן צווישן אָנגעלאָדענע וואָלקנס.
איך בין דער טרוים, דער זינגעדיקער קאָרבן.

און בין ווי אַ אָדלער מיט גלייכוואָג אין ווינטן
און בין ווי אַ בלינדער מיט ווידע אין די אויגן.

כ׳קלעטער צו הויכן צווישן קנאַפּע סעקונדן
פאַרבינדן דעם אָנהויב פון געבורט און פון עלטער.

ס׳איז מיר ליב דער מיזבייאַך, די מאַרמאָרנע פעלזן.
איך וויקל זיך אין שטורעם אונטער געטלעכע הויטן.

אָט קוש איך די וואָלקנס, די רישעס צערינט.
און זיס איז דאָס לייב פון מיין ווידערגעבורט.

כ׳וועל אָפּשיילן די שאָטנס פון מיינע שטאַמען
דורך שטעכיקע קאַמען און זיך צו דערקענען.

גרינע סטרונעס

כ׳בין וואָרצלדיק און פליגלדיק און פאַרקניפּט מיט דיי.
געגוג די צעריסענע וועלטן אין מיינע אויגן.
כ׳וועל ווי אַ ווינט זיך אויפהענגען אַף דיינע ליפּן
און אויסקושן די שפּראַך פון בלאָנדע זאַנגען.

עס שפּילט די מאַמע ערד אַף גרינע סטרונעס.
הוילער גרינקלאַנג אָנגעצויגן אַף צווייגן.
כ׳וואַש אַראָפּ פון זיך דעם שטויב און די זאַמד —
און קום דיר אַנטקעגן מיט זון אַף מיין שטערן.

באַוולדיק גרינג איז היינט דער ווינט,
דער טאָג האָט ווייסן צוויט צעבלאָזן.
כ׳שפּיר אַף זיך די קילקייט פון ווייסע האָזן,
דעם געבלי פון זומערדיקן שניי.

אַלץ צעבליט, צעפּעכערט מיט פּאַווע־רייץ.
פּייערדיקע בינען אין רוינטיקן וואַלץ.
דער טאַנץ איז ברייט און רונד ווי די ערד
און ברוין ווי מיין ברויט און דורשטיק ווי מיין פלאַם.

דראַטיקע פּיס

זומער ליגט איצט פֿאַרבלוטיקט.
אַוועק איז צייט אין קריג מיט דראַטיקע פּיס.
כ׳מאַרשיר פֿאַרביי דער וועלט מיט מיין פּען —
אַ שטערנדיקע שפּיז.

צאַפּלט זיך די וועלט באַם אונטערבויט.
די גראָזן פֿאַרנעמען דעם ווינטלעכן געשריפֿט:
די ערד איז מער ניט גרין.
די ערד איז הונגעריק.
הונגעריקע ערד שלינגט שטערן נאָך שטערן.

די שטילקייט צערעדט זיך באַם אַש פֿון פֿאַרנאַכט:
— ווי ליכטיק, דו נאַכט.
מיין שיווועט אין פֿייער־פֿאַרבן.
מיין ברודער אָפּן קרייץ — — —
כ׳טראָג פֿאַרביי דער וועלט מיינע גאַרבן.

דער ווינט מיט זיג, דער ווינט אין מאַרש.
דער טויט איז פֿאַרביי מיין הויז אַף די קני —
האַלבנאַקעט.

וואונדער

איך באַד זיך אין דעם זאַמד פון דער וועלט.
שטייט אַ פויגל באַם טייך.
טרינקט דאָס בלוט פון טייך
און טוט אַ קראַץ אָף זיין פליגל
די שטיקל קראַנקע זון.

אַ וואַנדערער ליגט דערנעבן.

דער וואַנדערער טראָגט אונטגאָלד אין זיין טאָרבע.
אַ רויטער ניגן פון זיך בלוט
זינגט פון מיין געביין.
זע,
די מינוט ווי דאָס האַרץ פון פעלד
איז אָפן מיט וואונדער.

די לאָנקע איז זעגלדיק דערנעבן.

ניין, ס'שמעקן ניט מיט פייער מיינע האָר.
זאַנגען בליען אין מיינע אויגן.
איך בין ערד, איך בין בלאַטער, איך בין פידל —
דער ווינט שפילט אייביק איבער מיר.

די נאכט מיט ניסים

כ׳פאַרוויג די פינצטערניש.
אַ באַרוועסער טאָג לויפט צוריק
אין וואַלד אַריין.
די נאַכט פינקלט מיט ניסים.

די שרעק אין מיין אויג
לעשט דאָס געזאַנג פון שטילע ווינטן.
ס׳גייען אָפּ גאַנצע שיפן מיט מיינע כאַלוימעס
צום בלוטיקן האָריזאָנט.

אַלץ אָטעמט מיט דרימל.

NEW WORLD

בענקשאַפט האָט מיך איצט אַרומגעכאַפּט.
אָרקעסטראַלע אַקרענטן רוישן אין מיר.
כ׳בין נישט איך.

די פּלייט קלעטערט אַף דעם פּלאַטער
פון מיין האַרץ,
אורשטראָם ווינטיקט אין מיינע אָדערן.

אַפן צערודערהטן בריק פון דוואָרזשאַרקס
היים־ווי
ליג איך אַן אויסגעשיילטער,
אַרויסגעווינטער,
אַן אויסגעבענקטער.

וואו נעמט מען אַ שימשונס קויאַך
אייגן גוף צעשמעטערן
און צערונען ווערן
אין דעם פאַרביקן שפּיל פון עטר,
פון באַרוישונג.

כ׳בין איצט ווייט, ווייט,
ווייטער פון ניסים
און צערטלעך ווי אַ דרימל.

קלאַנג דו,
לעש אויס די לעוואָנע —
און בלייב אין מיר.

טראַנס

טראַנס, מײַן טראַנס,
כ'בין וואַגלדיק און זעגלדיק
און וויגל זיך אַף צופּעליקע שטערן.

מײַן זיידנס ציג איז מיד.
און אַף מײַן דאַך דער האָן
אַ געשאָכטענער.
אַ מאַכנע וואָלקנס מושטירן איבער מיר
מיט שאַרפן אומעט.

און קיינמאָל איז די ערד ווי הײַנט
אַזוי פֿאַרשפּרעכנדיק און שטיל.
אומזיסט דאָס בלוט פֿון געשאָכטענעם האָן.

די גאַס איז ווײַס מיט זומערדיקן שניי.
און דער רויטער פֿלעק —
ווי דער פּאָנעם פֿון טויזנט סאָנים
ראַנגלט זיך אונטער מײַן טראָט.

מאָרגן איז ווידערגעבורט

מאָרגן פלאַקערט אויף און בליצט מיט קינדער־רייד.
אַ געאָגראַפיע פון זונפלענער
אַף מיינע ווענט.
די גרינע גראָזן
מיט זונציינדלעך צעקאַמט.
עס שוואַנגערט די אומשולד
אונטער דעם יונגן בוים.

דער רויש גייט מיט פאַרזיכטיקע פיס.

כ׳קוש דיינע הענט.
איך קען דיינע הענט
פון לאַנד צו לאַנד.
די שטיקער זון אַף דיינע ליפּן,
רייפע אָראַנזשן.
כ׳בין פריידיק און אומגעשטילט
און גיי מיך געאָרעמט מיט ווינט
דיר אַנטקעגן.

די קאַרגע שאָ גייט פאַרביי אומבאַגריסט.

פאַרוואָר! כ׳בין ליכט.
ביישעך שלאָפט ווי אַ שלאַנג.
דו טראָג געדולד!
כ׳שיפל זיך צו דיר
דורך דער גאַנצער כוואַליענדיקער מאַנונג —
מיט זומערדיקע רייד
דורך שאָקלדיקע ביימער.

בלאָנדזשענדיקע „סעינט לואיס״

דער טאָג באַם שויב מיט גלאַנציקע ציין.
ס׳בלאָנדזשעט אַ שיף, אַ וויגל אַף כוואַליעס.

דער נעפּל אַפן ברעג, דאָס יאָמיקע נאָזטיכל,
לעשט די האָפענונג צווישן מיינע פינגער.

אַף אַלע דעכער שרייבט דער רעגן
די נאַכט פאַרגאַנוועט הינטער מיר.

און שטערן טאַנצן אַף באָרוועסע פיס,
און שפּיגלען זיך אין בלויגלאָזיקן יאַם.

דער ווינט טראָגט די צעריסענע לעוואָנע.
דער הימל ווי די מאַמע געקנייטשט און אַלט:

— און אַז ס׳איז דיר קאַלט, קינד פון יאַם,
טו דיר אָן אַ וואָלקנדל אַף די פיס.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

שאָטנדיק שטיל דער וועג צוריק.
די לעוואָנע מיט ליידיקע הענט שווימט אַוועק.

ניין הונדערט און זיבן . . .

און אַז דו פּאַרסט אָוועק — — —
אַ ליד קלינגט אין מיינע אויערן.

ניין הונדערט און זיבן באַ די טויערן.
אויב נישט איצט, אויב נישט איצט.

און עס וויגט זיך די נאַכט אַף מויערן,
זאָל די שאַ, קיין שאַ ניט זיין.

און גאָט איז דין און גאָט איז אַן אָוול.
דער טראָט איז נאַקעט. איין שפּרונג איז—טויט!

יאמיקע מיילן

די נאַכט רעדט צו מיר
דורך די נערוון
פון יאַמיקע מיילן.
די געשיכטע שווייגט און איז לאַנגזאַם ווי מאַשיאַך.
כ׳האָב זיך אויפסניי פאַרקניפּט מיט דויער
פון אַ פעלז.
דער ברעג האָט אויסגעטרונקען
פאַרנאַכטיקן ווײַן
און ליגט אין טומאַנען.
מען זעט בלויז,
די ווײַטע לעוואָנע מיט אַ צעבראָכן פליגל
שלעפּט זיך נאָך דער שיף.

דער רעגן פאָלגט נאָך און גייט מיט נאַסע טריט
איבער מיר.

כ׳וויל גאָר כאָלעמען איצט און ריידן
צו זיך אַליין.
ס׳רעדט די גאַס צום בעטלערס אָפּגעהאַקטע פיס,
ס׳נעמט אויך ריידן דער ווינט אין מיינע אויערן.
און איך —
דער ערדענער געביין,
דער בלוטיקער געבאָט,
בלאָנקע אום מיט גאָט מיט בענקשאַפט אין די קני
און צופּ פון הימל אַלע שטערן אָפּ
און וואַרף זיי צו די פיש
אין יאַם אַריין.

ווייסער זעגל

דער ווינט מיט שאַרפֿע נעגל.
מײַן ווייסער זעגל אין בלויען שוים.

זוניקע ווייזערס מיט אויסגעלאָשענע נעכטנס
פֿלעמלען און דרעמלען אַפֿן נאַכטיקן שטיין.

איצט ווייס איך אַז איך בין אַליין, אַליין,
די שאָטנס שלאָפֿן אין געדיכטן וואַלד.

די בלויקייט צינדט דעם סאָף אין טאָלן —
די ערד באַשטערנט, באַשייטערט מיט פֿלאַם.

אָ, שטראָמיקע סעקונדע דורך פֿאַלדן פֿון יאַם
וויג מיך אַף די קני — אָ טרייסטלאָזן שטאַם.

זוניקע לייטערס

גענוג די צעריסענע וועלטן אין מיינע אויגן.

עס שפּילט די מאַמע־ערד אַף גרינע סטרונעס.
די נאַכט אַ בוים מיט שוואַרצע פלוימען.
אינדרויסן קלאַפּט דער ווינט מיט צוגעמאַכטע אויגן
און דער ווײַן אַפן טישל
ברודעריש
און פייגל־פלי.
(די קאַץ אַף די קני צעשויבערט און פאַרטאַיעט).
קום,
לאָמיר אַראָפּשאָקלען פון די צווייגן
צאַפּלדיקע טרוימען.

כ׳טרינק די פרישקייט פון פּאַרטאָגיקע וועגן
און שווים אין גראָזן.
די זון רעגנט מיט שטראַלן,
די לאַנגען ווי גרינע טייכן
רינגלען אַרום מיין שטוב.
פרימאָרגן שטייט אונטער גרינע פּאַראַסאָלן.

דער טאָג האָט געלן זאַמד צעשאָטן.
זוניקע לייטערס אַף מיינע ווענט.
די ביימער טרינקען ליכט
דורך גאָלדענע ציין.
זעץ זיך אָט דאָ נעבן מיר!
איך טראָג דיר אין מיינע הענט
ווי אַ בלינדער אַ זשמעניע זון,
דער שטויב אַף דיינע שיך
טראָגט דעם ריח פון יונג לייב.

דער ווינט זינגט

מיין מאַמע דרימלט אין מיר:
מיין זון, ניט פאַרטאַכלעווע די געגאַרטע שאָ.
דערקען די פיס, די קראַנקע פיס
פון ערגעץ־לאַנד,
צום ערגעץ־לאַנד.

ס׳איז דיין שטאַם
ניט סטאַם אַ בוים;
אַ בוים אַ צעוויגטער
מיט עפּל־פאַרב
צו דער ערד, מיט אָנגעשפּיצטע צווייגן
קושנדיק
די גרינקייט,
די בלויקייט
פון אונדזער דאַך —
פון ערגעץ־לאַנד,
צום ערגעץ־לאַנד.

מיין זון —
אַ קריגל מיט זון באַם פענצטער;
דער ווינט זינגט,
דאָס ברויט בענטשט,
די לעווענע דרימלט.

אינדיאנא דיונס

(כאַנטשעלען)

א

דער טייך געצאַמט
אַזש בלוי פון קאַס
רעדט צו אונדז מיט ווייסן שוים.

דער בוים באַם ברעג
איז אַנגעטאָן אין נאַכט,
דער זאַמד אַ צעשטאָכענער דרימלט איין.
פייער־פליגן
צינדן די שטילקייט.

די לעוואָנע אַ וואַסער־באַל
שווימט אַרום,
די נאַכט איז שטום.
מיר זענען וואַך.

בּ

פון יעדן בלאַט סוידעסדיקער אָטעם
אין מיין האַרץ;
דו ליגסט פאַר מיר אַנטפּלעקט,
מילד און ווילד,
אַ ווינטל פאַרבינדט אונדז מיט זאַמד.

ווילדער וואַלד שנאַרכט און פאַרכט.
די מוירע איז דין.
אויפן הויכן באַרג אַ גאָלדענער שפּין
ווינקט,
זינגט,
און איך הענג אויף אַ יונגן צווייַג
וויל פאַרצוקט ווערן
גליאיק,
גלוסטיק.

ג

די נאַכט גרילט:
אויס מיט זיג,
אויס מיט צייט.
ניטאָ די מאָס פון איצטשפּעטער.
דער טייך אַ געטרעפּטער שווינדלט
מיט זילבער,
צעצונדענע פייערן אין קלעטערדיקן
פלאַטער.

די פייגל, אין שלאָף
און אין אונדז, געזאַנג.

דיינע פּיספּינגער — קלאַווישן,
יונגע זשאַבעס
שפּרינגען אום אַף זיי.

ד

דער ווינט איז הונגעריק.
דער ווינט קלעטערט אַף דיין פּאַנעם
און קושט דיינע ליפּן.
דער רעגן ווי קליינע פינגער
בלאָנדזשעט.
קום.
דו ביזט אויך הונגעריק.
עס דעם זוניקן ברויט
פון מיינע ברוינע הענט,
לען זיך אָן אַף מיר —
איך בין פייער,
איך בין רו.

ה

כ׳בין צייט,
קוואַליק מיט בלוט.

אַט וועלן מיר פֿאַרפּלאַנצן
די אָראַפּגעפֿאַלענע מינוטן
אונטער דעם עפּל־בוים.
אַזויפֿיל גלויבן אין אויפֿבלי,
אַזאַ קלאָרקייט אין טוי,
ס׳וואַשט אָפּ מיין פֿאַרסאַרפּעטן צווייפֿל.

ו

צעצונדענער הונגער אין קילקייט פון סאָף
טראָגט אין זיך טויט מאָגערדיק גרינג.

ס׳בויגט זיך גרייט צו שכיטע־צייט
פעלד אין פולן צאַר אין לענד.

דער ווינט ער בינדט און זון איז שאַרף,
און רויט מיט אומענד דער אַרום.

אַלץ אין גערויש פון פאַרפאַלעניש.
פעלד איז באַקעט מיט אַלע מוירעס.

דער וועג איז זאַמדיק. שטאָל־קאַלט דער ברעג.
אין מיין האַנט אַ שטראַל — דו, דו!

ז

שכיטע־צייט.
דער ווינט אין סווינג דורך אַלע ביימער.
דער מאַרש פון בלעטלעך אַף אַלע וועגן
אין שלאַכט מיט זיך אַליין
פאַרגיין,
פאַרגיין.

בעטהאָווען גייט אונדז נאָך
אין געדויש פון בלעטערפאַל
פאַרביק,
פלאַמיק,
און אַף דיינע ליפּן
שטראָמען
פון פאַרבענקטע סטראָפן.
און אין מיר
דער פלאַנטער פון פלאַטער,
פאַרקניפונג פון סאָף.

אינגל־סאָלדאַט

. . . און ס'רעדט די מאַמע צום אינגל־סאָלדאַט
און קושט די פּראַסטיקייט פון זיין ליפּ:
אינגל מיין זון, ביט ציל צום הימל איך באַשווער —
ניט שיס אַף מיין גאָט.

און טרעפסט אים אין וואַלד אַ פאַרוואונדעטן אַליין
פאַרוואַרף דיין שווערד.
פאַרלעש דיין צאָרן.
לייג אים אַף שטרוי.

און זאָג אים:
ווי פלאַמיק דיין עמעס, פּאַטער.
און וואַש די וואונד אין זיין טוי.

און זאָג אים:
ער איז ווי דו —
אינגל און וואונדער.

מיין געזאנג צו דער ערד

א

ווינטער פאַלט אַראָפּ פון מיינע הענט, פון מיינע פיס,
די קעלט ניטאָ מער.
כ׳בין פריי און פריידיק
ווי די וואָרצלען אונטער דעם צעלאָזענעם שניי.

געדאַנק און באַרג אויפגעלייזט.
דער נאַקעטער ווינט ניטאָ מער.
מיין פּאָנעם ווי אַ בלאַט אָטעמט אַריין
די וואַרעמע לופט.

די ליידיקייט רעדט מיט שטראָם וואַסער,
דער ווילדער שניי ניטאָ מער.
האָב אַרויסגעשיקט מיין שוואַלב און רוף
קעגן דער זון.

און קיינמאָל מער וועט דער שטילער
און ווילדער מענטש קרוינען מיך מיט האַס.
דער טאָג גייט אויף אין מיר צוריק צום אָנהויב
און טרינקט פון פעלד די פולע גאָב מיט דאַנק.

ב

אַ גאַנצן פֿרימאָרגן געגלעט די פּולקייט
פֿון מײַן ערד.
די ערד איז שוואַנגערדיק —
די באָמבעס וועלן אויפֿרײַסן איר טראַכט.

אַ פֿרילינג־קינד וועט אַרויסשווימען
מיט אַ רויט בלעטל אין מויל.
אַלע מענטשן וועלן זאָגן:
ניטאָ די שרעק, פֿאַר דער שרעק פֿון קויל.

די ערד וועט ליגן פּילפּאַכיק און קלאָר.
דער ווינט מיט קלאַנג,
דער טײַך מיט פֿאַרב.
און איך אײַנדערמיט, פֿאַרקנאַסט צו מײַן וואָר.

ג

מיט מעסטן דיר, אַ ערד, בין איך צו דיר געקומען.
כ״בין צוגעבונדן צו דיר און פאַרקניפּט אין דיר
מיט מיין וואָרט, אַ ערד.

מיר טרינקען צוזאַמען די זון און דעם רעגן.

כ׳פאַרגעם ווי דו דעם דורשט פון איילנדע וואָלקנס,
די צייטיקייט פון ווערן.
וויפל מענטשן האָבן מיר באַווייבט צוזאַמען ?

מיר טראָגן אינאיינעם דעם עמעס און צוזאַמען — דעם טויט.

גיב מיר דיין אייביקע ליבע,
גיב מיר דיין אייביק לעבן,
כ׳וויל ווערן אויס לעגענדע.

ד

כ׳בין באַהעפט צו דיר, אָ, ערד,
ווי די פייג,
ווי די פלוים,
ווי דער עפל.

אַזוי גרינג בין איך דיר.

דו ביזט מיר געטריי, אָ, ערד,
כ׳וועל קיינמאָל ניט איפּערזיכטיק —
אפילו ווען כ׳זע מיין סוינע געהאַלדזט אַף דיר.

אַזוי אָפּנהאַרציק בין איך צו דיר.

דו ביזט מיין שויס, אָ, ערד.
כ׳גראָב מיין פּאָנעם איין אין דיין גרינער ברוסט
און ווער דיר אייגן ווי די זון
און עמעסדיק ווי דיין טרויער.

אַזוי באַהעפט בין איך צו דיר, אָ, ערד.

אינהאלט:

יענקיש

אַמעריקע — — — — — — — — — — — — — — 9
פאַרמער אין שטאָט — — — — — — — — — — — — 20
פאַרמער־יונג אין שטאָט — — — — — — — — — 20
וויגוואַמס רעגן — — — — — — — — — — — 21
יענקי פערדל — — — — — — — — — — — — 22
גווינים ליד — — — — — — — — — — — — — 23
טעהטשעבי פעס — — — — — — — — — — — — 24
אַ בריוול צו סוזאַנאַן — — — — — — — — — — — 25
טשיף נאָמאַ — — — — — — — — — — — — 26
דייזי — — — — — — — — — — — — — 27
פאַרמער מעקדוגאַל — — — — — — — — — — — 28
סאַנטאַ פעי — — — — — — — — — — — — 29
נעוואַדאַ — — — — — — — — — — — — — 30
פערד און זאָטל — — — — — — — — — — — 31
בייטש און קויל — — — — — — — — — — — 32
וואַיאָמינג — — — — — — — — — — — — — 33
זונאויפגאַנג — — — — — — — — — — — — 35
וועסט איז וועסט — — — — — — — — — — 36
SEVEN, ELEVEN — — — — — — — — — 37
שטאָט שלאָפט — — — — — — — — — — — 39
שטאָל און שטאָלץ — — — — — — — — — — 39
פאַפירענער טייפון — — — — — — — — — — 40
מאָרגן איז אייביק — — — — — — — — — — 41

רויט ברויט

רויט ברויט — — — — — — — — — — — — 45
אַ פענעצל ליכט — — — — — — — — — — — 55

PSALM ALA MODE

פסאַלם אַלאַ מאָוד — 59
מאַטראָז — 60
ציטער — 61
פערפעקטער גראַם — 62
קינדערשע רייד — 63
פיקניק — 64
דילעמא — 65
עקסקורסיע — 65
גליטשערס — 66
פרימאָרגן — 67
סעפטעמבער ווינטן — 69

ביבלישע מאָטיוון

אָדאָם און כאַווע — 73
הבל און קין — 75
הגר — 76
רות — 77
יוסף׳ס מכירע — 78
יוסף און בנימין — 79
יהודית — 80

געטאָבראַנד

מיין גאַס — 82
שטאָלענער פּאַראַד — 85
אַכזאַראָס — 87
וועלף — 88
שאַרפע צווייגן — 89
גוטוואָך — 90
ערעוו־וואָך — 91
טאָוולען פון אַ לעגענדע — 92

מיין פעטער משה — 93
ברוינער שטורעם — 94
צעשטאָכענע שטערן — 96
אורוואַלדיקע טליעס — 97
גלעזערנער רעגן — 99
שוואַרצע רייד — 100
ברעקלעך גלאָז — 101
געטאָבראַנד — 102
ווייסקייט — 107

אַנטפּלעקונג

שאָטנס פון מיינע שטאָמען — 111
גרינע סטרונעס — 112
דראַטיקע פיס — 113
וואונדער — 114
די נאַכט מיט ניסים — 115
NEW WORLD — 116
טראַנס — 117
מאָרגן איז ווידערגעבורט — 118
בלאַנדזשענדיקע „סעינט לואיס" — 120
ניין הונדערט און זיבן — 121
יאַמיקע מיילן — 122
ווייסער זעגל — 124
זוניקע לייטערס — 125
דער ווינט זינגט — 127
אינדיאַנאַ דיונס — 128
אינגל־סאָלדאַט — 135
מיין געזאַנג צו דער ערד — 136

פון זעלבן אויטאָר:

בלוימאַנטיק — לידער, שיקאַגע, 1938

פאַרלאַג ל. מ. שטיין

געזעצט און געדרוקט אין גלאבוס דרוקעריי, שיקאגע

● אין יאר בײנצן הונדערט און פערציק ●